STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02424

DI GRUSHE, ODER, DER PETSALINKER GOYLEM

H. D. Gildenblatt

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח. ד. גילדענבלאטט.

דיא גרושה

אדער

דער פאצאלינקער גולם

א וואונדערבארע געשיכטע וואס האט זיך געטראפין
אין דער קליין שטאדטיל פאצאלינקע

ווילנא

שנת תרע״ג לפ״ק

Разведенная.

или

Печалинскій идіотъ.

Разсказъ Д. I. Гильденблата.

1913

1.

גישטקאשע ליזערקע איז אויך א מענש.

(ארחאפטע קאבצאנים, שיינקען, פעצאלינקע, אשאנע מציאה).

געוועזן איז עס זומער לעב, דאכט זיך, נאך שבת נחמו, פונקט אין וועלכען יאהר געדענק איך ניט, נאר דאס געדיינק איך ריכטיג, עס איז געוועזן באלד נאך דער גרויסער חתונה, וואס דער מוראוויזוקער זאל לעבען האט זיין בחור חתונה געמאכט אין פעצאלינקע, פון דער חתונה געדענק איך גאר נישט, איך בין נאך דאנן אקינד געוועזן, נאר פעצאלינקער זקנים דערצאהלען פיעל וואונדער, אז, דערמאנענדיג יענע חתונה, לאזען זיי די שלינגע פון מויל און בעלעקען זיך, די חתונה האט געמוסט טאקי זיין אלאנד חתונה, מיר קאנען זיי גלויבען, נאר סאמע אין דער צייט ווען זיא האט זיך געענדיגט איז אין שטאדטעל אסומאטאכע געווארען, אין באד, צווישען די וואנעס, האט מען געפונען א צו נויף געבונדענעם מענשען, קינד און קייט זיינען געלאפען אין באד אריין זעהען די משונה ווילדע בעשאפעניש, קינדער האבען דער צאהלט, אז דאס איז א מין מענש פון יענע מענשען וואס האבען נאך פון עץ הדעת ניט פערזוכט, עסען גראז און געהען אום היילע, איך האב זיי געגלויבט (אין די קינדער יאהרען איז מען גרינג אויף גלויבען ....)

און איך פארגעשטעלט, אז ער איז געווים פון לוז, וואו מע שטארבט נאך ניט, נאר געהן איהם זעהען האב איך מורא געהאט, א פחדן בין איך תמיד, נאך פון יענער צייט, וואס מע האט מיך, ליגענדיג אין וויעגעל, געשראקען מיט בערען מיט גזלנים און שדים — איך זאלל איינשלאפען ווערען, דער פאר אבער ווען איך בין עלטער געווארען, האב איך שוין געזעהען ווי דיעזער פלאים'דיגע בעשאפעניש טראגט וואשער, האלץ און הייצט די הרובעס אין קהל'ש'ען בית המדרש וואו ער איז אונטער שמש געוועזען. פארשטעלען זיין געשטאלט איז טאקי ניט מעגליך, נאך עד היום קאנן איך ניט פערשטעהן ווי אזוי זיינען דאס משוגע געווארען די חאפטע-קבצנים, וואס זיינען צום רבי'ן אויף חתונה געקומען, — און האבען ארויס געלאזען פון האנד אזא ווינשפינגעריל, מיט איהם וואללטען זיי דאך ממון קרח אנגעקליבען, נאר געוויס האט ער געמוסט א מעשה פערשטיפען, איז זיי געננוג דער וויעדער געוועזען און זיי האבען איהם א צונויפגעבונדענעם געלאזען אין באד, וואס זאלל מען טהון? אבי פטור געווארען פון איין חסיד. ניט זא ניך אבער איז פון איהם פעצאלינקע פטור געווארען. דא איז ער גראדע פערבליבען, איז געווארען אונטער שמש, און מאנטאג און דאנערשטאג, אין דער צייט ווען דער איבער שמש איז אין שוהל נאכ'ן לייענן די תורה, ארום געגאנגען מיט צפושקע, איז ער ארום געגאנגען מיט א טארבע איבער די הייזער, און אללע האבען איהם גערופען „לייזערקע דער שמש".

די לעצטע ארבעט האט ער געקאנט נאך בעשער איידער זיין א שמש. ניט איין מאל האט איהם דר אויבר שמש מיט אבייזין יאהר גישאלטן, און געשריען, אז ער קאן פון איהם ניט דר האלטין, ער דער לאנגט איהם די נאל אין האלדז, טראגט ער וואסער איז נאס

די פאדלאגע אונ אלע בײנק, עס צו ברעכט זיך די. עמער אונ קיין נאסר איז אלץ ניטא; הייצט ער די הרובעס אין רויכיג אונ טשאדנע, הכלל ער האט מיט איהם עפעס ווי דער שטן געשפילט, וואס מען הייסט טאן, טוט ער אלץ פידרעך. געהאלטען האט ער זיך באיי זיינע שמש, עס נאר דער פאר, ווייל אויף צונויפקלייבען ערב שבת ליכט איז ער געוועזען אנרויסער בריה, דען דער צו, ווי צו דער טארבע, איז ער געוועזען אנרויסער מוצלח. פיל האבען שוין מיט זייער ליכטעל אדער גראשען אונגעדולדיג געווארט אויף איהם, ווי דער משגיח פון דער ישיבה אויף אסעודת מצוה, ווי דער גבאי פון שול אויף ערב יום כפור אונ ווי א היינטוועלטיגע פרײלען אויף דעם נייסטען שזורנאל.

אונ וואס איז דער חדוש? אז לייזערקע דער שמש קומט נאר אין אשטוב אריין, ווערט לעבעדיג, עס איז דא פון וואס צו לאכען אונ מיט וועמען קאטאוועס טרייבען.

— וואס, לויזערקע, ביידען דיר אשדוך?

— רעדט, רעדט, אגעזונד אין אייך, ניט אנראשען,
—ענטפערט לייזערקע נאריש אונ קראצט זיך דערביי משונה׳דיג.

—לייזערקע, געבען דיר אכלה?

—אכלה?! א, גוט! ניט, גיט, א לעבען צו אייך, גיט שוין מיר אנראשען.

מירעט איהם שדוכים מיט רבנים, גבירים מיט די גראסטע סוחרים. לייזערקע מאכט משונה ווילדע תנועות אונ אלע האלטען זיך פאר די זייטען פון געלעכטער.

דער פאר אבער קומענדיג פון שטאדט צוריק אין קלייזעל,

איז ער נאר אנדערש, עס האט געפאנט זיין די גראסטע היטצען קריכט ער זיך אלץ דאנן ארויף אויפ'ן אויבען, צאהלט לאנג זיינע גראשענס, שפיעלט זיך מיט זיי אונ ווער קאנן ריכטיג וויסען, וואס ער טראכט דאמאלסט. זיין פנים גלאנצט, פון זיינע ליפען גליטצט זיך אפט ארויס א שמייכעל, פונקט ווי ער זאגט דאנן:

— נישט קשה, לייזערקע איז אויך א מענש!....

2.

פון אגעלאכטער אויף א-נ-אמת.

(דער גבאי יום טוב ליפמאנן, זיין טאכטער פערלע מיט איהרע צוויי חתנים).

אז לייזערקע איז אויך א מענש, האט אויך אטראכט, א געלופט און געפיהלט האט מען דייטליך געקאנט ארויס זעהען פון זיין אפט בעזוכען דעם גבאי'ם הויז, ער האט נאר שטענדיג איין אוים בייד געפונען אזוי ווי די אלע יונגע בחורים וואס זיינען אהין געגאנגען, פערברייגען מיט דעם גבאי'ם אלטערע טאכטער, מיט פערלען.

ניט איין מאל האט לייזערקע פון שלאף געוויינט, ניט איין מאל האט ער אגאנצע נאכט געוואכט, ניט געקאנט איינשלאפען ווערען. און אז ער האט עס געוויינט אדער ניט געקאנט איינשלאפען ווערען איבער פערלען, — האט מען געקאנט בעמערקען נאר דערפון, אז ווען לאכענדיג פון איהם פלעגט מען איהם פראגען: „לייזערקע, ביידען דיר אשדוך מיט'ן גבאי'ם טאכטער?" „וואס, לייזערקע, ווילסט וואלען חתונה האבען מיט פערלען?" — האט ער טרויעריג

אוֹת זיפצענדיג געענטפערט: „אָ, לאַכט ניט פון מיר, אַ גוט יאָהר אויף אייך, גיט מיר בעסער אַ גראָשען“, אונ געמאַכט דער ביי אַזעלכע משונה׳דיגע תנועות, גאָר ניט וויא זיין שטייגער; איין אַנדערש מאָל פלעגט ער צאָרענדיג ווערען, סקריען מיט די צאָהן גאָר ניטשט ענטפערען אונ אַנטלויפען זא גיך, דאָס ווען מע פלעגט איהם צוריק רופען זאָגענדיג דערביי: „ליידערקע קום נאַ דיר אַקאַפּקע“ האָט ער זיך שוין צוריק ניט אום געקעהרט. ווער אָבער האָט זיך אין פּעצאַלינקע אויף אַזעלכע קליינינקייטען אַרום געקוקט? מען ווייס נאָר, אַז מען דאַרף נאָר פון ליידערקען קאַטאָוועס טרייבען, לאַכען פון זיינע משונה׳דיגע תנועות אונ גענוג! אונ דאָס אַז ליידערקעס הערץ איז אויך פון בלוט אונ פלייש, ווי ביי אַלע מענשען, אַז עס פיהלט אונ איז אין שטאַנד ליעבען, טאַקי ערענסט אונ פלאַמענדיג ליעבען, — האָט גאָר קיינער ניט געטראַכט, קיינער וואָלט עס זאָגאַר ניט געגלויבט. ליידערקע אַליין האָט אויך קיין וואָרטער געהאַט מיט זיי זיינע הערצענס געפיהלען אויס רעדען, עס האָט איהם עפּעס געבריהט, געפלאַמט דאָס הערץ, עס האָט זיך איהם עפּעס אַלץ דערמאַנט פּערלע, זאָגאַר ביים דאַוונען, ווען ער פלעגט זיך שטאַרק איין קוקען אין סידור, וואָס מיט גרויסע וואָרטער, — פלעגט זיך איהם אָפּט שטאַט אַ וואָרט, פון סידור אויס רידען „פּערלע, פּערלע“ אונ על פּי רוב האָט דאָס איהם געטראָפען אין „שמע ישראל“ אָדער אין „שמע קולנו“, וואו ער פלעגט וואָלען דאַוונען מיט גרויס כונה. עס האָט איהם עפּעס געצופּט, געצויגען צו יום טוב ליפּמאַנען דעם גבאי, כאָטש ער האָט פאַר איהם געציטערט ווי פאַר פייער, ער האָט אַליין ניט געוואוסט, וואָס דאָס בעדייטעט דערפאַר אָבער האָט ער גוט געוואוסט אונ געפיהלט, אַז גאָר עפּעס אַנדערש ווערט איהם אויפ׳ן הערצען, ווען פּערלע רעדט מיט איהם, איהרע וואָרטער קוצלען עפּעס די נשמה, עס שטעכט זיך

אפילו, אגער קארט מתנחדיג. די לאכט אפילו אויך פון איהם, די טרייבט מיט איהם קאטאוועס, ווי אלע, ניט איין מאל רופט זיא איהם: „פליאגע, צרה, פעשלעפטע קרענק, משוגענער און נאך אזעלכע צו נאמענש, נאר וואס איז? לייזערקע איז שוין צו אזעלכעס געוואוינט. אפט מאל האט זיך איהם געדאכט, אז אזוי דארף זיין, אזוי פיהרט זיך די וועלט, אזא נאטור האבען די ווייבער, אנשטאט צו זאגען גוט ווארט, הארטיקערען זיי, קללה'ן און גיבען אין מעשים.

— זאל איך אזוי הארען שופר של משיח — האט ער זיך אמאל געטראכט, און צו זיך אליין געשווארען, — זאל איך אזוי דערהערען — לייזערקע פלאטערט זיך אין זיינע ווינשעניש. ער ווייסט אליין ניט, וואס צו ווינשען זיך, ווי ניט ווילענדער רעדט ער צו איהם אוים: פעדלע!... נאר באלד ניט ער זיך ראפטאם אבאם און טראכט ווייטער: איך קאן שווארען מיט מיינע פאות (קיין פאור האט ער ניט געהאט, כאטש דאס פנים האט געוויזען, אז עס איז שוין געגוג אלט, די סבה דערפון איז אום בעוואוסט, עפעס ווי די השגחה אליין האט מודה געווען, אז צו זיין פיזיאנאמי פאסט גאר ניט קיין באָרד.) יא, איך האב אליין געהערט, — איך קאן שווערען אפילו מיט א ספר תורה, — מי בריינדעל די אשה צנועה, די כשרה נשמה, — אלע רופען זי דאך אזוי — צו ביינערט זיך אויפן אויבער ווי א פשוטע מארק יידענע, און איך וועט [illegible] אויף דעם גרוישען רבי יום טוב ליפמאנ'ן, פאר וועלכען אלע מזרח-לייט און אפילו דער רב אליין ציטערט, אלע האבען פאר איהם גרוים דרך ארץ, און זי? זי, בריינדעל, — איך האב ניט איין מאהל מיט מיינע אויערען געהערט — שרייהט אויף איהם קללה'ט, שילט מיט טוידטע, ביטערע קללות, און פון דענסט וועגען זאגען אלע ווייבער. אז זי האט איהם מעהר האלט. ווייער

לעבען — זאגע זיי — וואלט מען קאנען אויף צעהן פאר פאלק צו טהיילען, — אזא מערכה! אפיגער אין ־קאלטע וואסער טוט ער דאך ניט אריין אהן איהר ווישען, — אמת טאקי! — גיט ער זיך אכאפ אונ טהוט זיך אשטארקען קראץ אין הארובע, ווו ער איז געשטאנען, — אפילו ווען ער וויל מיך מכבד זיין מיט עסען, פרעגט ער אויך ביי איהר: וואס, בריינדעל, געבליבען עפעס פון אנבייסען? גיב עס אוועק ליזערקען, ער איז געווים הונגעריג". (דער באיי בעלעקט ער זיינע פערשעטאלענע ליפען פונקט וויא ער פיהלט איצונד דעם טעם פון רבי יום טוב ליפמאנ'ס אנבייסען). א ערהליכער יוד, פאר וואס, דאכט זיך, שילטען איהם אלע? אפילו דער אייבער שמש, — אקלאג אויף איהם! — שילט איהם אויך. איך האר דאס אלע טאג. עס מאג זיין וואס עס איז, איך מוז דאס אלץ דעם גבאי דער צאהלען, זאל ער וויסען, — נאר ניין! — גיט ער זיך צוריק אכאפ, איינבייגענדיג דעם קאפ אונ קוועטשענדיג מיט די פליצעס, ווי מען שלאגט איהם —ניין, ניין! איך וועל ניט אויס זאגען, איך האב מורא! — ער בלייבט שטעהן, ווי איין אבן דומם, ער פערטראכט זיך. — „אפשר אזוי ווי בריינדעל מיט'ן גבאי אליין, איז זייער טאבטער פערלע מיט איהם... פליהט צו איהם אין קאפ'ף פלוצים אריין א מחשבה, ליזערקע ווערט פערציטערט, ער שפייט אויס דריי מאל, כאפט זיך אויף גיך פאר זיין גראבען תהלים, וויעגט זיך פאר גאנדער, כאפבעלט מיט'ן קאפ'ף, גלאצט מיט די אויגען, עס ווילט זיך איהם זאגען א ביסעל תהלים מיט כונה, מיט הארץ, ווי איין ערהליכער יוד בדארף עס זאגען. די אויגען קוקען אויף די גרויסע ווארטער „אלי, אלי! למה עזבתני?" דער מויל אבער שריהט: „פערלע, פערלע! וואס לאכסט דו עפעס פון מיר?" ליזערקע דער הארט זיין קול אונ ווערט שטום. ער איז שטארק פערשוויצט, פער-

טאכט אויף גיך דעם תהלים, קוקט זיך ארום, ווי א גנב. „גוט נאך וואס קיינער איז ניט דא, קיינער האט ניט געהארט". מיט אימפעט לויפט ער פון שול ארויס, ער לויפט אויף אין דרויסען זעלבסט ניט וויסענד וואוהין.

— וואו איז דאס, לייזערקע, עפעס דיין גוט מארגען? — דער האָרט ער פלוצים בעקאנטע קולות, ער קוקט זיך ארום, אונ גלויבט ניט זיינע אייגענע אויגען, ער איז ווידער ביין גבאי אין הויז ארום איהם שטעהט ווידער פערלע, הנה קוואקטוכע אונ לייק פוטיקעל.

— זאג, לייזערקע, פאר וואס האסט דו ניט געזאגט קיין גוט מארגען?

— וויים איך? איך בין דאך דא ניט לאנג געוועזן.

— נו, אז מען איז ניט לאנג געוועזן איז וואס? דארף מען גאר קיין גוט מארגען ניט זאגען? פע, לייזערקע, מאוס, — שעמען דארפסט דו זיך אין דיין ווייטען האלדז, וויפיעל מען לעהרענט דיך דרך ארץ אונ גאר גישט, עס קלעפט זיך צו דיר, ווי איין ארבעס צום וואנט.

— איך וויים ניט, — אנגעזונד צו אייך — לאסט מיך איך וויים ניט, איך .... שטאמעלט לייזערקע מיט גרויס שוועריגקייט.

אלע לאכען הנאה'דיג.

— רעדען דיר אשרוף, לייזערקע?

— רעדט, רעדט — א געזונד צו אייך — רעדט, טאקי, טאקי.

— מיט וועמען זאל מען דיר ריידען? זאג, לייזערקע, וועלכע מוידעל איז דיר געפעהלען, שעם זיך ניט, לייזערקע, ביסט שוין א גרויסער בחור, גישט קשה.

— אײ, אײ, מען טאָרף ניט, אַלעבען צו איך, מען טאָרף ניט, לאָזט מיך, לאָזט מיך.

— וואס מע טאָרף ניט? איוד טאָרף חתונה האָבן, ווי דען? וואס ביסט דו דען ניט קײן יוד ווי אַלע? דאַוונסט ניט?

— איך דאַווען, נײן, נײן! ווי איך בין איוד, איך דאַווען, איך לײג תפילין ווי אַלע, דאַווע אין סידור, ווי איך בין איוד, און זאג תהלים אויך.

— טאָ פאר וואס ווילסט דו ניט חתונה האָבען?

— גאָר? איך וו....

נו, נו! וואס שעמסטו זיך? רייד שאַרף, זאג איך וויל, אַלע זאָלען האָרען.

— אײ, לאָזט מיך, אַנעוונד צו איך, לאָזט מיך!

— וואס לאָזט מיך? זאג, שעם זיך ניט, ווילסט אפשר פערלען? זאג, נישט קשה, וואָלסט זי וואָלען נעמען פאר א כלה? זי געפעהלט דיר, אַ? לײזערקע?

— אײ, לאָזט מיך, לאָזט מיך. — שרײַהט לײזערקע אוים און לויפט געשווינד אַרויס פון שטוב.

אַזוי איז אַלע טאג, און ווער ווײס דערפון? עס וואָלט דאָס קײנער גאָר ניט גלויבען. דער פאר אָבער האָט גאָר קײנער ניט געדאַרפט גלויבען, אַז פערלע איז שאָן און סמאַילעט מיט איהרע אויגען אַלע יונגע לײט, געוואוסט האָבען אַלע, אַז פיעל יונגע לײט האָט שוין פערלע פער'שרפה'ט, זײ קוסען איהרע טריט, און פון די יונגע לײט האָט זיך אויך געדעבענט חנא הוואקטובע און לײק

פיקעל, ניט געוואוסט נאר האט מען אין שטאדטעל וועמען פון די צווי וועט פערלע אויס קלייבען, די האבען געזאגט חנא'ן, ווייל ער איז דער בעסטער אין דער ישיבה, און האט דער צו נאך א שיינעם פנים, די האבען געדרונגען פערקעהרט, אז פערלע איז גאר ניט אזא נאר, אזעלכעם שפיעלט גאר ביי איהר קיין ראליע, זי וויל בעסער לייקן, כאטש ער איז ארעם און ניט נאר שאן דער פאר אבער איז ער קלוג ווי דער טייוועל און געראהטען גאר אהן א שיעור, אנדערע האבען געזאגט, אז זי וויל ביידען, הכלל אללע האבען גערעדט, ניט געוואוסט האט אבער קיינער, ווי גלייבער איז צו ביידען, און אפילו לייק און חנה האבען אויך ניט געוואוסט אויף וועמען פון זיי וועט פאלען דער גורל און אדער אויף זיי ביידען ניט. דאס לעטצטע האלט זיי גרינגער געווען, דען, כאטש אויף קיין דועל זיינען זיי ניט ארויס גערופען געווארען, דאך האבען זיי זיך געהאסט ניט ווייניגער ווי יעדער יענע סאפערניקעס אין דער גרויסער וועלט דארט און אזוי ווי יעדערער פון זיי האט זיך גישטארעט אז נאר ער זאל חן געפינען, אז נאר איהם זאל פערלע אנקומען, זא האבען זיי זיך געשטארעט, אז ווען ניט זיך, זאל כאטש דער צווייטער דעם ארט ניט בעטרעטען, ווי דער שטיינער איז, צוויי פסוקים גלייבע, בעקאנטע, האספערען זיך צו זאמען זיי קאנען זא לאנג קיין שלום מאכען, ביז עס קומט אווילד פרעמדער פסוק פון דער ווייטענס, כאפט צו אלע שאלות, לייפט אוועק און עס ווערט שטיל, אויב אזוי איז שוין רעכט! שניידט, טהוט, וואס איהר ווילט, אבי מיר ניט, דיר ניט, זא איז דער סדר העולם שוין פון לאנג....

לייק פופיקעל איז שוין אין פעצאלינקער ישיבה פון כמה שנים, אויף פריהער האט מען איהם גערופען „פיקעל" שפעטער אבער האבען די ישיבה בחורים עס אום געביטען, עפעם „פופיקעל" קלינגט בעסער, נאר די ביידע צו נאמעניש זיינען געווען ניט אזוי

זיך אנאמען, אין אידיש שטאדטעל אז מען גיט אנאמען איז עס גיט אומזיסט, ווי למשל שמערעל די שקאפע, חנע די מוד, א. ז. וו. אלעס האט א בעוואוסטען טעם....

פיקסעל האט מען איהם גערופען דער פאר, ווייל ער איז קלוג אונ חיטרא, ווי א פיקסעל, איז געווען פאלש, פער שטעלט, אונ האט זיין מאסקע תמיד פעסט געטראגען אונ זיך גוט געהיט מע זאל דעם אמת'ען גרונד ניט דער קאנען, אלע ישיבה בחורים האבען געוואוסט, אז לייקעל דאווענט ניט, אפט לייגט ער גאר קיין תפילין ניט, טהוט אום שבת, וואס אין דער תורה שטעהט בפירוש אז מען טהור ניט אונ האט געשעפטען מיט מיידלאך, אפילו מיט די „יעניגע" אויך. די אלטערע יודען האבען דאס אבער קיין מאל ניט בעמערקט, אונ עס גאר ניט געקאנט גלויבען, אונ ווען עס האט זיך געפונען איין עזות פנים, וואס האט זיך געוואגט אויס זאגען פון חדר, איז ער גוט בעשטראפט געווארען, דער פאר וואס ער איז מוציא שם רע אויף א יודישען ערליכען בחור, מיט וועלכען אלע ווייבער בענשען זיך. די ישיבה בחורים האבען נביאות געזאגט, אז טעגן ער וועט ווערען פאר זיך א בעל הבית'ל, וועט ניט מורא האבען פארן ראש ישיבה אונ פאר די בעלי בתים, וואו ער עסט, — וועט ער זיך געהרים טויפען, זיי האבען שוין אבער זייער נבואה געהאלטען בסוד. דען לייקעל מיט זיינע וויטצען אונ קלוגע בייד איז אביין געקראגען יעדערען אין פופיק אריין אונ דער פאר האט מען איהם גערופען „לייק פופיקעל" אונ דער נאמען איז איהם שוין אין דער ישיבה פערבליבען אויף תמיד.

מיט פערלען קאן ער זיך שוין פון לאנג אונ איז איהר אריין געקראכען אין דער נשמה, פערלע האט איהם גוט דער קאנט אונ זיינע מעלות זייער הויך געשאצט, לייקעל האט געמיינט, אז ער געהט זיא אויף איין אייזערנעם בריק. גאר ליגענדיג אויף איין

ארט ווערט איין איינעם אויך פערשימעלט, פערשוואוועט, לייקעל איז שוין אפ געבאקענע געווארען און פערלארען דעם פארינען חן ביי פערלען אין די אויגען, זי האט אפילו אין איהם קיין חסרון געפונען, נאר זיינע שטאנדיגע וויזיטען האבען איהר דערעסען און איהר הערץ האט שוין געזוכט איין אנדערען.... עס האט לאנג ניט געדויערט און איהר וואונש איז ערפילט געווארען, דען אין יענער צייט איז אין דער ישיבה אן געקומען חנא.

אנפאנגס האט מען איהם אין דער ישיבה גערופען „דער נייהער" אדער „דער מוראוויאווקער", און דער נייהער מוראוויאווקער איז אנגעקומען אהער גאר ניט ווי אלע ישיבה בחורים, ער האט געבראכט פון מוראוויאווקע א יחוס בריעף, אז ער קומט ארויס פון גרויסע לייט און עס איז א מצוה אז מען זאל אויף איהם השגחה געבען מעהר ווי אויף אלע ישיבה בחורים, די בכורה קומט שוין איהם, דען ער איז א יחסן, און יחוס ביי יודען איז גאר קיין קלייניקייט!.... נאר באמת מוז איך אייך רבותי מגלה זיין דעם סוד, אז חנא איז גאר קיין יחסן, אין געגענטהייל. קיינער האט גאר ניט געוואוסט ווער און פון וואנען ער איז, ער האט זיך געשלעפט פון יענע וואנדער בחורים, וואס פאהרען אום פון שטאט צו שטאט, פון קלויז צו קלויז, און אזוי איז ער אין מוראוויאווקע אנגעקומען, זיך געוואלגערט אביסעל, דער זעהען, – עס איז גאר ניט אזוי, ווי ער האט געמיינט, האט ער ביי די מוראוויאווקער בעלי בתים אבריעף אויס גענארט, „ער זאל לעבען" אליין האט מיט זיין כשר'ער האנד זיך אונטער געשריבען, אז אלעס איז אמת ויציב. פאר וואס דען ניט? וואס פאר אשאדען קאן דער פון ארויס? און למאי נפקא מינה, יא א יחסן, ניט א יחסן, איין ארום בחור איז ער ראש, און אויף איין ארום בחור איז

ארחמנות. הנה איז גאר בהמתוואטע, דער פאר אבער זעהר געניט און קלוג אין זיינע אינטערעסען.

דאס בריעף האט פיעל געווירקט, מען האט אויף איהם געקוקט מיט אנדערע אויגען, מען האט פאר איהם אוים געקליבען די בעסטע טאג, ביי די פיינסטע בעלי בתים. נאר געהען עסען טאג האט ער ניט געוואלט. ווייל אין עסען קאנן מען פון איין ואנטאג ניט מאבען צוויי דריי, דער פאר האט ער אפ געמאכט מיט זיינע בעלי בתים זיי זאלען איהם בעסער צאהלען געלד און זא האט ער פון איין וואך געמאכט א גאנצען חדש, און אין איין יום טוב האט ער כולל געוועזן אלע יום טובים פון אגאנץ יאהר. אין דער ישיבה איז ער געוועזן ווי אהונגעריגער וואלף, פאר אגראשען וואלט ער ניט נאר דעם צווייטענם, נאר זיין אויגענע נשמה פערקויפט. האט אויף געזוכט וואו גאר איין אלטער יוד וואס וויל לעהרנען משניות, עין יעקב, אדער זאגען מעמדות, בי נאר פאר געלד; האט אויף געזוכט אלע ווייבער, וואס זייערע מאנען זיינען ניט אין דער היים, אלטע פרויען וואס זייערע קינדער זיינען צו זייט, צו שפרייט אויף דער וועלט; כלות וואס זייערע חתנים זיינען ווייט פון זיי, און געווארען זייער בריפעל שרייבער, ניט דער פאר וואס ער האט געקאנט גוט שרייבען, נאר ווייל ער האט געקאנט פערדולען דעם קאפ, איין שמועסען, איין ריידען, און אלץ צו ליעב געלד, און זא האט אנגעהייבען חנא פערדינען און געקליבען אגראשען צו אגראשען, דער פאר האט מען אין דער ישיבה איהם אנאמען געגעבען די קוואקטובע איז געוועזן זעהר קארג ניט געגעסען, ניט געטרונקען, געזעהען פערשפארען, פערקארגען, און קלייבען געלד. אנפאנגס האבען איהם אלע געהאסט, מען האט איהם מיט זיינע משונה'דיגע אויפפיהרונג ניט געקאנט פערליידען, שפעטער אבער איז עס אנדערש געווארען, ווארום אפילו ישיבה בחורים ווייסען אויך, אז אגרייכען דארף מען אפ געבען כבוד,

באטש פון זיין רייכטהום איז קיינעם ניט ווארעם. אויך חנא האט זיך אום געביטען, ווען ער איז שוין געווארען אין פעדערען, האט אויף געהערט שפארען געלד ניט נאר אויף עסען אונ טרינקען אונ אויף אלע נויטווענדיגע זאכען, נאר ער האט שוין אנגעהייבען נאשען, פערשווענדען געלד אויף פוסטע זאכען, דאס וואר אין דער צייט, ווען ער האט זיך דער קאנט מיט פערלען, אונ געווארען איין אפטער אריין געהער צו ר' יום טוב ליפמאנן'ען אין הויז. חדוש'ט זיך ניט, רבותי, דערויף, אפילו אנדערע זאגען, אז דעם מענשענס האראקטער איז ניט קיין הויט פון א שלאנג, וואס זאל זיך אלע פריהלינג אום בייטען, — נאר אז קנאה איז אויף אלעס אין שטאנד, איז יעדערן גוט בעוואוסט. אונ די קנאה האט אויך אפ געאפענט חנא'ס פעסט איין געשלאסענע האנד.

ער האט אפילו אלע מאל גערעכענט, אז שאנער אונ חנ'עוודיגער פון געלד איז נאר ניט דא, פערעלעם פלאמענדע אויגען האבען זיין הערץ נאר ניט פערשרפה'ט, דער פאר אבער האט איהם פערברענט די קנאה, דער זעהענדיג ווי לייקעל פער־בריינגט מיט פערלען, ווי אזוי ווארקען, סוד'ען זיך ווי די טייבעלאך, — האט ער זיך בעשלאסען, עס מאג זיין, וואס עס איז, ער מוז לייקלען פערטרייבען אונ זיין ארט פערנעמען. ער האט אנגעהייבען פערשאפען פערלען פערגניגען מיט זיין פער־שווענדען געלד אויף איהר, געקויפט איהר מתנות, פערשיעדענע נאסעריי אונ דאס איז באמת פערלען געפעהלען געווארען פיעל בעסער פון לייק'עלס חכמה, פון זיינע שארפע וויטצען.

לייקעל האט דאס גוט דער זעהען אונ, ווי יענער פער

עקשן'טער צאפ, זיך בעשלאסען בעסער וואלען ביידע אין מייך אריין, איידער חנא'ן לאזען דעם וועג.

פערטראכט, פערקלעמט איז לויקעל אלאנגע צייט ארום געגאנגען, געזוכט אליין אמיטעל ווי אזוי צופיהרען זיין פלאן. — אז מע זוכט, זאגט מען, געפינט מען. —

געפונען האט ער לייזערקע דעם שמש, און ווי נאר לייזערקע איז צו יום טוב ליפמאנ'ען אין הויז אריין, האט לויק'על פון איהם אנגעהויבען לאכען רייען איהם א שדוך מיט דעם נבאי'ס טאכטער. אפילו חנא, וואס האט לויקעל ניט געקאנט אנזעהען, האט אויף אלעם פערגעסען, אין דער צייט, ווען לויק'על האט גענומען אפ פיהרען, אפ לאכען פון לייזערקען. פערלען איז עס נאך מעהר לרצון געוועזען. מאכען זיך לוסטיג א ביסעל, פאר וואס זאלען ניט? דארף מען דען א בעסערען אקטיאר ווי דער ארעמער דער עלענדער איז? מען פערבינדט איהם די אויגען, מען לאזט איהם טאנצען אויף אשטריכ, כאטש ברעך האלדז און גניק, אבי עס איז דא פון וואס צו לאכען... פערלע האט זיך פערשטעלט פאר א כלה (דאס האבען אלע מיידלאך ליעב), האט געמאכט חן, און ניט איין מאל האט זי לייזערקען געפרעגט: —וואס לייזערקע איך געפעהל דיר, איא?

—איך האב דיך לייזערקע ליעב, ווי מיין טאטען מאמען, און דו לייזערקע האסט מיך עפעס ליעב? — און אז לייזערקע האט דרויף ניעגטפערט: — איך האב דיר אויך האלט, פערלע, נאך מעהר איידער מיין טארבע, — האבען זיך אלע הילכיג פער גאנדער געלאכט, און אלאנגע צייט האט מען עס ניט פערגעסען, ווען לייזערקע איז שוין ניט געווען האט מען עס דער מאנט און געקייכט זיך פון געלעכטער, איז לייזערקע ווידער געקומען,

איז שוין פערלע איהם אנטקעגנען געלאפען מיט פריידען אונ געזאגט: אזו, לייזערקע, דו האסט מיך ליעב נאך מעהר איידער דיין טאטע? שווער זיך.

לייזערקע הויבט זיך אן שווערין אונ אלע קייקלען זיך פון געלעכטער, לייק'על אבער האט עס געמיינט ניט קיין געלעכטער נאר אויף איין אמת, אונ האט זיך געשטארעט אזו לאנג דיזעס לוסטיגע שפיעל פאר לייגערען, ביז זי וועט בעקומען איין טרויעריגע ענדע, ווי ער פערלאנגט.

3) ביסט דו א סאלדאט, דארפסט דו קאנען פולווער שמעקען.

(לייזערקע גיט לייק'לען אהאנר מיט אציצה אז ער וועט אים פאלגען).

ווער וואלט דאס גערעכענט אז לייזערקע, ליגענדיג אויפ'ן אויבען, ווי איין אבן דומם, — ליעגט ער אונ פאנטאזירט אונ ליעבט? זיין ליעבע האט שוין ביי איהם ווארטער זי רעדט מיט איהם ווי אלעבעדיגער מענש להבדיל, ער הארט זיך איין אין איהר קול, עס איז פונקט ווי זיין קול, זיין לשון, פונקט ווי ער, לייזערקע אליין, רעדט עס. אונ אין הערצין ביי איהם, הארט ער, טרומייטערט דער קול אונ פילדערט, ער צופט, ער ציהט, ער רייסט, נאר לייזערקע קעהרט זיך שוין ניט פון איין זייט אויף דעם צווייטען, קראצט זיך שוין ניט, אייקעט ניט, ער שטארעט זיך וואס מאגליכער שטילער אטהעמען, ניט כראפען אזו, דען עס איז איהם עפעס זעהר איינגענעהם צו הארען דעם פערבארגענעם קול ביי איהם אין הערצען. ער דער צאהלט איהם, אז פערלע ליעבט איהם אויך, אזו ווי ער האט זי האלט, פערלע וויל מיט איהם חתונה האבען, — פערלע, אוואיל מיידעל,

א נחת בלעבען, צו קוקען אויף איהר! אין דעם פארבארגענעם קול האט ער געגלויבט, פון ניט גלויבען וויים ער גאר ניט, דערצו האט ער דאך עס בפירוש ניט איין מאל פון פערלען געהערט.

— עס איז אפילו אביסעל פערשייט — טראכט ער זיך — גאר ניט יודישלאך, נאר וואס איז די שעמעריי? גערעכט איז טאקי ליקעל, א קאפף פון א גאון, א געזונד צו איהם, — ער האט מיט מיר געלעהרענט, ס'איז געוועזן א מלך שאול, האט ער זיך געשעמט פאר זיין כלה, האט זיין כלה איהם געכאפט, פאר אלעמען אין די אויגען. עס איז א מאל, האט ער מיר דערצעהלט, אזא מנהג געוועזן, מע מוז כאפען, אז ניט האט מען קיין חתונה ניט געהאט — אך, אז איצטער וואלט אזא מנהג געוועזן! איך האב איהם אפילו ניט געגלויבט, און האב געפרעגט ביים משגיח און ער האט מיר געזאגט אזוי. נו איז שוין קיין חידוש ניט, וואס פערלע איז אזוי האפערדיג, אז איך, שלים מזל, שעם זיך, נאר גיין! איך בין ניט קיין שלים מזל, אלטע ווייבער זאגען אויף מיר, אז איך בין א למד ואו, א נסתר און אפשר טאקי?... איך וויים דען, וואס איך בין? און אפשר דער פאר האט מיך פערלע האלט, נאר א דאנה, אבי זי האט מיך האלט, — א, ווי נוט! געלויבט איז גאט! ליקעל איז טאקי גערעכט, — א לעבען צו איהם, זי האט מיך טאקי האלט, זי וואלט טאקי וואלען חתונה האבען מיט מיר — הע, הע, הע! (ער צו לאכט זיך משונה'דיג.) א חכם מחוכם איז ער ליקעל.

א קורצע צייט ליגט ער שטיל, נאכהער גיט ער זיך ראפטאם א באם און שרייהט אוים מיט אימפעט:

— גיין, ליק'על, האק מיך, בראך מיך, און איך וועל ניט

און

פחון, וואס דו הייסט מיר, ניין! איך האב מורא, מע וועט מיך פערשטיינען, ניין, ניין! אי, אי, אי!

— וואס שרייסט דו אזוי, לייזערקע?

— א, לויק'על, דאס ביסט דו? איך האב עפעס מורא, איך ציטער, לויקעל, ווי איך בין א יוד.

— שלים מזל! וואס האסט דו מורא? איך זאג דאס דען מיינע ווארטער, זי האט דאך דאס מיך געבעטען, זי האט מיר געזאגט, אז זי קאן אן דיר ניט לעבען, זי מוז מיט דיר חתונה האבען.

— זי האט דאס געזאגט? לייקנסט ניט, לויקעל? שווער זיך!

— נו, איך שווער דיר, איך קאן דיר אפילו געבען אהאנד מיט א ציצה, און דו האסט דען ניט געהערט, וואס זי האט דיר היינט אין דער פריה געזאגט.

— אמת טאקי — אמת, אמת! אלעבען צו איהר!

— נו, פערשטעהסט דאך אליין, אז זי איז אסך קליגער פון דיר. זי ווייס, אז ר' יום טוב ליפמאנן דער גבאי וועט ניט וואלען נעמען פאר איין איידים דעם שמש פון שול, דאס איז נאך קיין מאל געוועזן זינד די וועלט איז בעשאפען געוואָרען, — פערשטעהסט, — לייזערקע, — וואס איך רייד?

— איך פערשטעה, יא, יא, איך פערשטעה, אז די וועלט איז בעשאפען געווארען, און ר' יום טוב ליפמאנן איז דער גבאי, וואס ווייס איך ניט, וואס?

— אך, פליאגע, צרה, שלים מזל! הער וואס איך רייד, אז ניט מאך איך נאר קאליע.

— איך הער, איך הער, לויק'על, זאג נאר, גיב איין עצה.

— נו, איין עצה האט שוין פערלע אליין געפונען, פערשטעהסט? דאמאלסט וועט שוין ר׳ יום טוב ליפמאן מוזען וואלען.

— פאר וואס?!

— וואס פערשטעהסט דו ניט, פרא אדם! וואס וועט ער שוין קאנען העלפען? דו וועסט זי דאך מקדש זיין איז זי דאך שוין דיין ווייב.

— וואס?! ניין, ניין! איך האב מורא, אלע וועלען מיך פערשטיינען, — ניין, ניין!

— האסט דו מורא, טא לייען קריאת שמע. נאר מיך ארט גיט אז ניט, איך בין דאך מעהר ניט ווי א שליח, פערלע האט מיך געשיקט, בין איך געגאנגען, איצטער וועל איך איר געהן זאגען, אז דו ווילסט ניט! — אונ זא ריידענדיג ווילל ער אוועק געהן, נאר לייזערקע כאפט איהם פאר׳ן לאטץ, שרייהענדיג:

— ניין, ניין! איך ווילל, איך חלש, שטעה, לייקעל, איך וועל שוין טהון, נאר זאג ניט.

— גו, גיב מיר אהאנד מיט א ציצה אונ שווער מיר ביי דיין עולם הבא, אז דו וועסט טאן אלץ ווי איך וועל דיר הייסען.

איין ברירה לייזערקע גיט א האנד מיט א ציצה אונ שווערט ביי זיין עולם הבא, שטעהענדיג לעבען ארון קדש.

— זעהסט, לייזערקע, איצטער איז שוין פערפאלען, מוזסט פאלגען! עפעס אקלייניגקייט שווערען אין שול, נעבען ארון קדש.

— איך האב מורא, לייק׳על, איי, איי!

— ביסט דו א סאלדאט דארפסט דו קאננען פולווער שמעקען

-- האט לייקעל געענטפערט, ארוים געהענדיג צו פרידען פון שול.

 עם

4.

עס געהט ווי געוואונשען.

(לייזערקעס צער און לויקעלס מחשבות און פלאנען)

שוין פון אנאנץ לאנגע צייט האט לויק'על געהיט לייזערקען, נאך געגאנגען איהם וואוהין ער איז געגאנגען, צו געהערט זיך צו אלעס וואס ער רעדט, און איבערהויפט דאמאלסט ווען ער רעדט פאר זיך, מיט זיך אליין. דאס האט איהם געשעהן גאנץ אפט אין דער צייט ווען ער האט געהאט פיל דאסאדע אדער התפעלות פיל פרייד אדער כעס, אוים גערעדט זיין הערץ האט לייזערקע נאטירליך אויף זיין לשון, גאנץ אפט האבען איהם זיינע האנד, אייגען און פים געהאלפען אין זיין נויטה, ער האט גערעדט מיט די פים, אום געמאכט מיט די האנד, געגלאנצט מיט די אויגען, געאייקעט געאכצעט, — אט דער מיט האט ער גאנץ אפט אוים גערעדט זיינע זעעלענגעפיהלען, פאר וועלכע ער האט קיין ווארטער געפונען, און ניט געוואוסט זאנאר ווי אנצורופען.

קוקענדיג דאמאלסט אויף איהם איז געווען נאר צום לאכען, ער האט אזוי משונה'דיג אוים געזעהען דאן, אז גאר ניט ווילענדיג האט מען געמוזט זיך מיט איהם פערטשעפען, צו רייצען איהם נאך מעהר. פאר קונדריסים, ווייסע חברה'ניקעס, ווי אויך פאר די קלויזניקעס איז עס געווען אנאנצער פערגעניגען, צוזעהען די צייט ווען לייזערקע שטעלט זיך אוועק טראכטען און הייבט אן פלאפלען מיט'ן צונג.

— טשעפעט איהם ניט, אוועק פון איהם, שקצים איינע, איך וועל אייך די ביינער צו ברעכען, — האט דאן דער אייבער שמש אדער דער משגיח געשריהען אויף די קינדער, ווייל זיי האבען

גוט געוואוסט, אז פון אזא געלאכטער מוז ארויס א געוויין פון אזא מעשה לאזט זיך תמיד אויס ניט קיין פרעהליכער סוף, לייזערקע ווערט זעלבסט אט וויסענד שטארק צו רייצט, דאגן אויפגערעגט, אונ האט די עזות פנים'ער ניט געקאנט פערשווייגען, ער האט זיי געשטייסען פון זיך, געווארפען אין זיי מיט וואס נאר ער האט געפונען קעגען זיך, עס האט געמענט ליעגען דער גראסטער שטיין, די שווערסטע שייטעל האלץ.

—אוועק פון איהם, ער וועט אייך פלעטען דעם מח, ער וועט אייך חלילה איין אויג ארויס נעמען, ער וועט אייך סקאלעציען, אט דער משוגענער, — האט געזאגט דער אייבער שמש שוין אביסעל ווייכער, ניט אזוי שטרענג, דענן עס האט זיך איהם אויך געוואלט אביסעל זיך לוסטיג מאכען, קוקענדיג אויף דעם משוגענעמ'ס ווילדע תנועות. אונ די קינדער, פער שטעהט זיך וואלטען זא ווי זא ניט געפאלגט, דענן וואס מעהר לייזערקע האט זיך צו רייצט אונ אנגעגעבען מעשים, האבען זיי זיך נאך מעהר פער נאנדער געלאכט, אונ נאך מיט מעהרער חשק גענומען טשעפען זיך מיט איהם, אט אזוי האט דער בידנער לייזערקע ניט געהאט פאר ווען, ניט געפונען קיין ווארטער אונ ניט געהאט קיין מאגליכקייט, קיין ארט אונ קיין צייט אויס ריידען זיין הערץ, זיינע ביטערניס אונ פערדרוסען, כאטש פאר זיך אליין, — פון לייזערקען דארף מען לאכען, האבען געוואוסט אלע גרויס אונ קליין, אונ דאס איז גאר קיינעם ניט איינגעפאלען אין קאפ'ף, אז פון לייזערקען דארף מען גאר וויינען, דענן ניט ווילד ניט משוגה'דיג איז לייזערקע ארויס פון זיין מוטטער'ס בוך, ער האט געקאנט זיין אמענש ווי אלע, אונ ווער ווייס? ער וואלט נאך אפשר געקאנט זיין איינער פון די בעסטע, ווען ניט דאס שווערע

ביטערע לעבען, ווען ניט דער ווילד שלעכטער נחיתום, וועלכער האט זיך גיאפינט פאר איהם נאך פון וויענעל אן; קיינעם פון פעצאלינקער חכמים איז גאר ניט ארויף די מחשבה: אפשר וואלטען זיי אויך ניט בעסער געוועזן, ווען זיי וואלטען אזו ערצויגען געווארען אונ אין אזא פינסטערע וועלט אריינגעפאלען... נאך מעהר קיינער האט גאר ניט אטראכט געגעבען, אז ער איז אויך אמענש אונ האט אויך אמענשליכע הארץ ווי אלע....

געוואוסט האט דערפון איין לזיק'על, דען פון דער צייט אן, וואס עס איז איהם אריין דער פלאן צו נעמען לייזערקען פאר אשווערד, מיט וועלכען ער זאל קאנען ארוים גיין אויף א דועל מיט זיין פיינד (זאגענדיג דעם ווארט „דועל", מיין איך ניט חלילה, א פשוטען דועל, ווי ביי לייטען, וואס עס שטעהען ביידע שונאים איינע קעגען די אנדערע אונ עס איז דא עדות, וואס זעהען ווער עס האט געשאסען, ווער עס האט געטראפען אונ ווער עס האט וועמען מנצח געוועזן. איך מיין עס גאנץ יודישלאך, ווי דער שטייגער איז, בעהאלטענער הייד אב טהון א שפיצעל, אז יענער זאל האבען זיך וואס צו קראצען אונ ער זאל גאר ניט וויסען פון וואסער זייט די קויל איז איהם געפאלען.), — פון דער צייט אן, וואס ער האט אנגעהויבען לייזערקען נאך צו גיין אונ זיך צו הארען צו איהם, האט ער דער וואוסט, אז לייזערקע איז אויך פייהיג צו פיהלען, כאטש ניט אין שטאנד איז ער אוים צו ריידען זיינע געפיהלען, ער האט דער וואוסט, אז לייזערקע, ווי אלע מענשען, איז אויך פייהיג צו ליבען, אונ נאך מעהר ווער זיין וואונדערונג ווען ער האט זיך דער וואוסט, אז לייזערקע ליעבט עס פערלען.

קוקענדיג אויף לייזערקעס לידען האט זיך אפט ביי
טיקלען רת

לויק'לען ערוועקט רחמנות צו איהם, ער האט צייטענס אויך געוויינט, קוקענדיג אויף איהם, אונ עס האט איהם ניט גענארט, אז איידער חנא'ן זאל זיין געליעבטע אנקומען טאקע אט דעם לייזערקען, ניט נאר דער פאר, וואס דאס וואלט פאר אים גיוועזען אשטיקעל נקמה, נאר דער פאר וואס אויף לייזערקען האט ער עפעס רחמנות געהאט אונ חנא'ן האט ער תמיד שרעקליך פיינד געהאט, אין די מינוטען איז ביי לויק'לען ניט געווען קיין אונטערשיעד צווישען איהם אונ לייזערקען.

– פאר צייטען האט מען געגלויבט, – האט לויקעל אמאל געטראכט, – אז שווארצע מענשען האבען שווארצע בלוט, איצט ווייס מען, אז אלע מענשען זיינען גלייך, – אונ איך אונ לייזערקע זיינען אויך גלייך, מירביידע ליעבען אונ ליידען....

נאר די מחשבות זיינען ניך פערשוואונדען געווארען פון לויקעל'ס מח, אויך זיין הערץ איז טעמפ געווארען פון צו פיהלען שוין רחמנות צו לייזערקען, פון איין זייט די געוואהנהייט דאס שטאנדיגע לאכען פון איהם, אונ פון צווייטען זייט די נקמה צו חנא'ן אונ צו פערלען האבען איהם פיעל געהאלפען אין דעם, ער האט זיך נאר געפרייט מיט דעם צופאל, וואס עס וועט איהם גילטען לייזערקען צו ציהען צו זיך אונ איהם אזו וויט פערפיהרען ביז ער וועט שוין טאהן אלץ וואס ער וועט איהם הייסען, אונ זיין האפענונג האט איהם טאקע ניט גענארט, עס איז אלץ געגאנגען, ווי געוואונשען.

5.

די סומאטאכע אין שטאדטעל און דער סוף פון דער מעשה.

(לייזערקע איז מקדש פערלען און מוז ח נעבעך גטין. אם גע'גט און געשטארבען).

עס איז געוועען חנוכה. אין דרויסען איז געוועען אפילו ניט צו געהן און ניט צו פאהרען, אבער פארט ווינטער איז ניט זאמער קומט דער זאמער איז אלע קלאגען, באלד הייבט זיך אן ספירה און אזוי ציהט זיך עס ביז די ימים נוראים, ניט אזוי איז אבער ווינטער, ווי אין דרויסען ווערט קאלט און חשך, איז שוין שמחת תורה, באלד חנוכה, חמשה עשר בשבט און נאכהער פורים, ווען יודען מאגען טרינקען בראנפען, שכור זיין, עס איז נאך א מצוה, יודען טרינקען ביז מען וויים גאר ניט, אז מען האט געטרונקען, — זא הויבט זיך אן דער ווינטער מיט טאנץ פון הקפות און ענדיגט זיך מיט אגאנצען חדש אדר, ווען מען דארף פערמעהרען אין שמחה.

נאר עס איז שוין ווינטער עס איז שוין חנוכה, און אין פעצאלינקע איז ששון ושמחה. יודען זיינען פערנומען מיט דער קהלשער וועטשערע, בחורים מיט מיידלאך שפיעלען אין קארטען צו זאמען אום געשטערט, דענן אפילו די וואס וויסען גוט פון דער גמרא, אז דער וואס שפיעלט אין קארטען איז פסול לעדות אפילו די, וואס היטען זייערע טאכטער זיי זאלען זיך זאנאר מיט אבחור ניט בעגעגענען, אפילו די שטערען אויך ניט איצונד, — דערויף איז חנוכה,

איין מאל אין יאהר! אפשר איז דאס אזכר אויף שילה, נאר ווי דאס איז ביי ר׳ יום טוב ליפמאנן׳ען אין הויז פערברייננט מען נאר לעבעדיג. ר׳ יום טוב ליפמאנן מיט זיין פרוי זיינען אוועק צו דער קהל׳שער וועטשערע, און פערלע מיט נאך מיידלאך און בחורים שפיעלען אין קארטען און זינגען צו פריעדען.

איצט האט געדארפט דא זיין לייזערקע! גיט זיך לייקעל א זאג ווי צו זיך אליין, נאר חנא כאפט איהם אונטער.

— יא, יא, ער האט טאקי געדארפט קומען אהער, נו, וואללטען מיר אלעב געטהון!

וואס ווייסט איהר וואס זיי גיבען אן אט מיט דעם לייזערקען? — זאגט פערלע צו איהרע חברת׳עס — נו, גיבען זיי מיט איהם אן מעשים! איך ווייס שוין גאר גיט, ווי האלט איך אוים פון לאכען.

— אך, נחיי וואלט ער דא טאקי געוועען — ענטפערען די חברת׳עס מיט פערדרוס. און עס געדויערט ניט לאנג, צו אללעמענס וואונדערונג און פרייד איז אריין לייזערקע.

עס איז נאר אום מאגליך פונקטליך צו בעשרייבען וואס עס איז ביי ר׳ יום טוב ליפמאנן אין הויז פאר געקומען אין יענעם אבענד, עס איז טאקי גרויסע נסים אז מען איז לעבען געבליבען פון געלעכטער.

— איר האט געדארפט זעהן, ווי לייזערקע איז געוועען אחתן, ווי ער איז געזעסען געבען דער גרויסער חלה; איהר האט געדארפט זעהען, ווי ער איז געשטאנען אונטער דער חופה, — חא, חא, חא! — זא מיט גרוים געלעכטער האט דער צאהלט יעדערער קומענדיג אהיים, זיי האבען דער צאהלט ווי פערלע האט זיך געמאכט פאר א כלה, ווי מען האט אויף געמאכט אחופה פון

אַבּיִשטוּך מיט פיער שטעקענס אונ ווי לייזערקע האט מקדש געווען פערלען אונ אַלע האבען געלאכט, דען דאס האבען זיי ניט געוואוסט, אַז אין הלכות קדושין רעכענט זיך לייזערקע אויך פאר אמענשען... געוואוסט דערפון האט נאר איין לויק פופיקעל אונ איז דער פאר טאקי אין דעם זעלבען אבענד פון פעצאלינקע אנטלאפען געווארען, נאר דאס האט ער שוין גוט געוואוסט, אַז זיין ארט לאזט ער שוין ניט איבער פאר חנא'ן, דענן ער איז אַ כהן. חנא קוואקטוכע דער ווייסענדיג זיך דערפון האט פון זיך די האר געריסען, עס האט איהם ניט אַזוי פערדראסען פערלע, ווי די דריי זאכען: ערשטענס, די בזיונות, ווי אַזוי האט ער דאס פון דעם דין ניט געוואוסט? ווי האט ער דאס נאר דער לאזען? צווייטענס, דער נצחן'דיגער אַהא! לויק'עלם האט איהם אין די אויהרען געקלונגען, אונ דריטענס, מעהר פון אַלץ האט איהם פער־דראסען דאס געלד, דענן ווען ער האט זיך גוט אַרום געקוקט, האט ער דער זעהען, אַז ער האט אויף פערלען אוים געבראכט דאס גאַנצע געלד, אונ וואס? נאר ניסט! אַזא ביטערער סוף, אַזא מאוס'ער פסק! ער האט זיך געוואלט אַ מעשה טהון, ער האט אָבער נאר ניסט געטהון, ער האט נאר איבער געוואַרט די צייט, ביז פערלע מיט לייזערקען האבען זיך גע'גט אונ דער רב, וועלכער האט דעם גט מסדר געווען על פי דין, ווי מען דארף, האט אוים גערופען אַז מען זאל וויסען זיין דאס זי, פערלע די שוועסטער פון ר' יום טוב ליפמאן איז אסור

צו א כהן, ווי דער דין פון אגרושת. חנא האט עס אוים געהארט האט אשוועהרען זיפטץ געטהון אונ איז באלד פון פעצאלינקע אפ געפאהרען.

יא, איך האב דא פערבייי געהענד דער מאנט דעם גט, עס איז אבער ניט אזוי גיך געשעהען, דאס איז גאר ניט אזוי גרינג אנגעקומען. געננג מידט אונ מאדט זיינען לייטישע צינגער געווארען ריידענדיג; געננג פענעס האט מען צו בראכען שרייבענדיג שאלות ותשובות, דען ר׳ יום טוב ליפמאנן האט אלץ געזוכט מיטלען, אז זיין טאכטער זאל ניט דארפען געהן גטן זיך מיט לייזערקע דעם שמש אונ בעפלעקען זיין גאלדענעם יחוס; געננג קלאפ אונ שלאג איז זיך פאר דער צייט אוים געשטאנען לייזערקע, וועלכער האט אין איין קול געשריהען: ווארגט מיך, שטיקט מיך, קיילעט מיך, ווארפט מיך אפילו אריין אין פייער, אונ מיין פערלען וועל איך ניט גט׳ן, איך האב זי האלט, ווי איך בין איוד, האלט! נאר ניט רבי יום טוב ליפמאן׳ס מיה, ניט לייזערקעס עקשנות האט געהאלפען, עס האט געמוזט זיין א גט. אין דער צייט פון גט איז דעם רב׳ס הויז געוועז מיט מענשען געפאקט, אונ פיעל זיינען אונטער די פענשטער געשטאנען, ערשטען איז דאך דאס א ווונדערבארעס נייס, אונ צווייטענס האבען מענשען ליעב ווארעמען זיך אויף דעם צווייטענס פייער. אונ דאס האט רבי יום טוב ליפמאנ׳ען נאך מער געארגערט, בלאס ווי גאר טוידט איז ער געשטאנען אונ געסקריצעט מיט די צאהנער, ווי איינער זאגט צו זיינעם אפיינד: ווארט, ווארט איך וועל זיך נאך מיט דיר אפ רעכענען! ברײנדלען האט מען געמוזט פון מיטען גט אהיים אפ פיהרען, זי איז גיט

איין מאל אין אונטאכט געפאלען . נאר פערדולט, פאר שטיינערט , ווי אפ געשטארבען איז פערלע געשטאנען, האט זי דענן געפיהלט , אז זי האט דעם שטראף כשר פערדיענט ? האט זי דענן געפיהלט, אז מיט דעם צווייטענס נשמה איז זייער סכנה'דיג צו שפיעלען ? אדער עס קאנן זיין זיא האט דאנן גאר ניט געפיהלט . גאר נאך ערגער פון אלעמען איז לייזערקען געוועזן , פון זיינע תנועות אונ רייד האט דער עולם אלאננע צייט געהאט פון וואס צו לאכען , לייזערקען אבער האט זיך גאר ניט געלאכט , אין אקורצער צייט ארום נאך'ן גט האט מען איהם אוועק געפיהרט אין דול הויז, וואו ער איז אין גיכען געשטארבען.

חנא קוואקטוכע אבער איז ניט געשטארבען , ער לעבט אונ גראדע אנוטען לעבען . אומזיסט האבען איהם די ישיבה בחורים חשד געוועזן, אז ער וועט זיין דער ערנסטער פראצענטניק . ניין! ער וואהנט איצט אין דעמבאווקע אונ איז נאר אקראמער , אין קראם זיצט נאר דאס ווייב , אונ ער איז זיך עוסק אין אלע שטאדט זאכען, איז אנבאי אין אלע חברות, אונ אשלימעל צו אלע צדקה פושקעס. אין שטאדט זאגט מען אויף איהם, אז נאך אזא אפענע האנד, ווי חנא, איז גאר אויף דער וועלט ניט דא, אונ מיר מוזען זיי גלייבען... אויך די נבואה פון די ישיבה בחורים אויף לייק פופיקלען איז ניט מקוים געווארען, ער האט זיך ניט געטויפט, ער איז א יוד, אונ נאך וואס פאר איוד! איוד מיט אלע יודישע הלאת'ן, מיט איין אוים געהייקערטען רוקען, מיט איין איינגעבויגענעם קאפ'ף אונ מיט איין מרה שחורה'דיגען, געל, דארען פנים ; ער איז

אמלמד דרדקי אין „ביטער“ און ווען מען זאל איהם יעטצט צו שניידען אויף שטיקלאך, וועט מען שוין ניט איין גליעד, ניט איין אדער, ניט איין געפיהל געפינען פון יענעם אמאליגען לייק'לען, נאר ער איז קיין יחיד אום עבען, ביי נאך טויזענדער נעמט די צייט צו זייער ווסטינען שמייכעל, זייערע פרייהייט, און פערטרוערט, פער־ביטערט זיי ביז'ן קבר... זא האבען זיי ביידע, חנה און זייקעל, זייערע „חטאת נעורים“ נאר פערגעסען, ניט פער־געסען אבער האט עס פערלע, דענן אויסער דעם, וואס די געשיכטע האט גערייבט פון איהרע זיעסע חלומות און האפענונג פון אמאל, האט זי נאך פערנאלט, פערביטערט איהר לעבען אויף שפעטער, ביז אייביג. אנגעווארען האט זי חנה'ן, לייק'לען, פערבליבען איז איהר נאר דער נאמען גרושה, וואס איז איהר געווען אזא פלעק, וואס קאנן גאר ניט אפ געוואשען ווערען, אנפאנגס האט זי זיך געשעמט אין דרויסען ארויס, זי איז איינזאם אין הויז געזעסען, און איז זא יאהרען לאנג געזעסען, דענן שוועהר איז געווען מיט איהר א שדוך טהון, ביז ענדליך האבען איהרע עלטערען, וועלכע האבען מורא געהאט זי זאל ניט בלייבען אמאיד ביז גראע האר, - זייער גאוה ערנידערט, האבען זייער טאכטער אויס געגעבען אבי פאר וועמען פאר איין אלטען אלמן, וואס איז ניט קיין יחסן ניט קיין נגיד דער פאר האט ער פון דריי פרויען קינדער געהאט. פערלע ווערט געבעך פערשווארצט נאך די יאהרען און טאג, זי ווייס שוין גאנץ גוט, ווי טהייער עס האט

איהר געקאכט דער געהן דעם ערשטען מאל אונטער דער חופה, אונ ווען זי דער מאנט זיך עס, קוילה׳ט זי לייקע׳לען דעם סמוך, וואס האט זי עס פערפיהרט. לייזערקען אבער דער מאנט ניט קיינער, קיינער פיהלט נאר גיט, אז נאך מהייער האט איהם דעם עלענדען געקאסט זיין חופה, זיין ליעבע, וועלכע האט זיך גערעכענט פאר א קינדער שפיעל...

ענדע